**בס"ד. משיחת וא"ו תשרי, ה'תשמ"ב.**

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

אָנהויבנדיק פון דעם ענין התשובה, וואָס ער מאַכט דאָך פון תורה ומצוות נאָכמערער – אַז זיי זאָלן זיין "מעשים טובים", נאָך מערער ווי ס'איז געווען בלאו ענין התשובה.

וואָס דאָס איז דאָך דער פירוש און דער דיוק אין מאמר חז"ל "תשובה ומעשים טובים", וואָס מ'פרעגט דאָך אויף דערויף די שאלה: דער סדר דאַרף דאָך זיין אַ הפוך, פריער האָט געדאַרפט שטיין דער ענין פון "מעשים טובים", און דערנאָך, אַז ס'טרעפט ח"ו אַ מעמד ומצב וואָס ער דאַרף אָנקומען צו תשובה,

אעפ"כ זאָגט מען דעם סדר "תשובה ומעשים טובים" – דערפאַר וואָס אפילו אַ צדיק גמור, איז על ידי פעולתו ועבודתו אין דעם קו התשובה ווערן אַלע זיינע "מעשים" – "מעשים טובים" נאָך מערער ווי ס'איז געווען פאַר דעם.

און די שאלה הידועה: וואָס דאַרף אַ צדיק גמור אָנקומען צו תשובה? איז האָט ער דאָך רמ"ח אברים, און ס'שטייט אַז "תמים תהי' עם הוי' אלקיך", און ער זאָגט, אַז רמ"ח מצוות עשה איז דאָס כנגד רמ"ח אברים – דאַרף ער דאָך האָבן אויך בשלימות אָט דעם אבר וואָס איז אַנטקעגן די מצוות התשובה.

און דער ביאור בפשטות איז דאָך, על פי המבואר אין לקוטי פון היינטיקער סדרה גלייך בתחילתה, וואָס דער אַלטער רבי איז מבאר, אַז עיקר ענין התשובה איז דאָס "והרוח תשוב אל האלקים אשר נתנה", ער זאָל זיך פאַרבינדן צוריק מיט אַ התקשרות אמיתית מיט דעם אויבערשטן וואָס "נתנה לו" זיין נפש האלקית – וואָס זי איז אויך מחיה זיין נפש הבהמית און דעם גוף שלו וחלקו בעולם, וואָס אין דערויף איז דאָך ווי גוט ס'זאָל ניט זיין, און ווי שטאַרקט ס'זאָל ניט זיין זיין התקשרות מיט דעם אויבערשטן; וויבאַלד אַז דער אויבערשטער איז דאָך "אין-סוף" – איז דאָך אַלעמאָל דאָ מקום אַז די התקשרות און די התאחדות זאָל ווערן אַלץ מערער און מערער.

וואָס דאָס איז דאָך אויך דער ביאור פון דעם מאמר תמוה – וואָס איז דאָך אויך אַ הוראה פון תורתנו תורת חיים – אַז אַ איד דאַרף זיין "כל ימיו בתשובה"! און ס'איז דאָך אַ זיכערע זאַך, אַז בשעת מ'זאָגט "בתשובה", מיינט מען דאָס תשובה על פי תורה.

ווערט דאָך די שאלה: בשעת ער האָט געטאָן תשובה על פי תורה, האָט ער דאָך שוין אויך די מעלה פון אַ בעל-תשובה, אעפ"כ זאָגט מען, אַז אויף מאָרגן דאַרף ער ווייטער זיין "בתשובה", און אויף איבערמאָרגן ווידעראַמאָל "בתשובה".

און דאָס זאָגט תורת אמת: דאָס איז ניט אַ זאַך וואָס מ'טוט דאָס וויבאַלד אַז דאָס איז "חובתי ואעשנה" – דאָס דאַרף זיין אַ תשובה אמיתית. – ווי אַזוי איז שייך זאָגן אַ תשובה אמיתית זונטיק – לאחרי ווי ער האָט געטאָן תשובה אמיתית אין יום השבת קודש שלפני זה, ובפרט אַז דאָס איז שבת שובה, און מ'זאָגט אים אָן, אַז ער דאַרף זיין זונטיק אויך בתשובה –

איז דאָס פאַרשטאַנדיק – ואדרבא פאַרשטאַנדיק בפשטות – לויט דעם ביאור אין לקוטי תורה אין האזינו, אַז ענין התשובה איז "תשוב אל האלקים אשר נתנה". וואָס דער אויבערשטער איז דאָך אין-סוף,



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת תצא

במילא איז "ילכו מחיל אל חיל" ניט נאָר אין לימוד התורה וקיום מצוותי', כל המצוות – נאָר אויך, ובעיקר, אין דעם ענין פון מצות התשובה, אַז "אין לו מנוחה": ער איז הולך "מחיל אל חיל" אין ענין התשובה.

תשובה איז דאָך ענינה, אַז דאָס איז ניט ער גייט מדרגא אל דרגא, וואָס דערפאַר איז זי דאָך ניט מוגבל ומדוד אין זמן, נאָר ס'קען זיין "בשעתא חדא וברגעא חדא", וואָרום תשובה איז – כמדובר – למעלה ממדידה והגבלה.

נאָר דאָ פרעגט דאָך אַ איד:

ס'איז דאָך ידע אינש בנפשי', און ער ווייס, אַז ער איז באַשאַפן געוואָרן אין אַן אופן מדוד ומוגבל,

און דאָ מאָנט מען פון אים, אַז ער זאָל זיין "לדלג שור" – למעלה ממדידה והגבלה?!

זאָגט מען אים, אַז מ'האָט אים געגעבן אַ "חלק אלוקה ממעל ממש", און מ'האָט דאָס אים ניט געגעבן, אַז דאָס זאָל ליגן ביי אים ווי אַ פקדון, און ער נוצט דאָס ניט, ווי מ'דאַרף ניט נוצן קיין פקדון (סיידן בתנאים מיוחדים) – נאָר אדרבא: מ'האָט אים געגעבן דעם "חלק אלוקה ממעל ממש", אַז דאָס זאָל ווערן זיין נפש, זיין נשמה, וואָס באַלעבט אים בכל עניניו, ביז אין מחשבה דיבור ומעשה פון עקב שברגל.

און וויבאַלד אַז דאָס איז אַ "חלק אלוקה ממעל ממש", וואָס ער איז דאָך אין-סוף אמיתי,

– איז דאָך אַ זיכערע זאַך, אַז ס'איז ניטאָ קיין מדידות והגבלות אין וואָס ער קען אויפטאָן;

וויבאַלד אַז דאָס איז ניט "כחי ועוצם ידי", נאָר דאָס איז דער "חלק אלוקה ממעל ממש" וואָס ער האָט אים געמאַכט ביי זיך פאַר אַן עיקר, און אַלע איבעריקע ענינים זיינע זיינען זיך מתנהג און פירן זיך לויט די "אָנווייזונגען" און לויט דער באַלעבונג וואָס זיי באַקומען פון דעם "חלק אלוקה ממעל ממש".



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.